...יעו ייִדישע טעאטער באזוכער טרעפן אין סענטראל־האל אויף שלום אש׳ס „מאטקע גנב".

## אמעריקע פארכאפט א דייטשע שיף.

די ערשטע שיף וואס דער אמעריקאנער קריגס־פלאט האט פארכאפט ביי די ברעגעס פון גרענלאנד און געבראכט אין אן אמעריקאנער פארט איז א קליינער דאמפער פון 60 טאן. דאס קליינע שיפל האט אבער געהאט א ראדיא־טראנסמיטער און האט שפיאנירט די שיפן־באוועגונג אין נארט־אטלאנטיק.

פארטוגאל.

## פראפיטן פון געזעלשאפטן זאלן באגרעניצט ווערן ביז 6 פראצענט.

וואשינגטאן, 27 סעפטעמבער.

פינאנס־עקספערטן האבן אויסגעארבעט א געזעץ וועגן באגרעניצן די פראפיטן פון די אקציען־געזעלשאפטן ביז 6 פראצענט, האט געזאגט מר. מארגענטוי, דער פינאנס־מיניסטער. „מיר וועלן יעדן באהאנדלען אנשטענדיק, ווי ווייט מעגלעך, נאר נאטירלעך, עמיצער וועט זיכער ווערן געטראפן" — האט ער ווייטער געזאגט.

„מיר קענען נישט ווייטער אזוי לעבן, ווי

# וועל שוין...

(פון „לידער וועגן מיין באבען")

וועל היינט מיט דער באבעשין אין שטוב שוין בלייבן,
סומנע שלייערן און טרויער מיך אומהילן
און די באבעשי איז אויכעט אומעטיק —
זועלן מיר, צוויי אלטינקע... זיך שפילן.

וועלן מיר שוין ווי עס איז זיך זעצן
און דעם זייגער וועלן מיר אין שלאף פארוויגן,
זאל זיין פינטלדיקע שעה מער איבער אונז נישט וואכן
זאל זיין קלונג דער כארכלדיקער קאץ נישט שרעקן.

און די טיר אויך וועלן מיר מיט פרענט פארריגלען
הייסן ווינט, דעם דרויסענדיקן, אונזער שטיבל וויכן — — —
א, די שניידערלעך פון לאנג־פארגאנגענעם אמאל?
זייער טרייסטנדיקער טראט וועט סיי־ווי אונזער שוועל נישט גרייכן...

וועל א מעשה׳לע פון בעש"ט דער באבעשין דערמאנען,
באבעשי וועט הערן און שאקלען מיטן קאפ: —
אמת, אמת — וועט זי זאגן — טאטע יא —
און זיך צעזינגען א ניגונ׳דל מיט באבעשדיקן טראפ.

און אז וועלן מיר דעם סוף פון מעשה׳לע דערגרייכן,
נאכאמאל מיר וועלן עס אנהויבן,
אז עס זאל.א ווי ציטער אונזער זיין דורכנעמען
אז מיר זאלן גלויבן, גלויבן...

און אז ווערן וועלן מיר גארנישט באציטערטע
און דער זייגער צוריק צום לעבן וועט אויך קומען
וועלן מיר זיך שפיגלען אין מחשבות אונזערע
וועלן זיצן מיר נעבוינענע און שטומען.

וועל היינט מיט דער באבעשין אין שטוב שוין בלייבן,
סומנע שלייערן און טרויער מיך אומהילן
און די באבעשי איז אויכעט אומעטיק.

יאסל